בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע
אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

פרשת **יתרו**
שנת תש"פ
גליון **504**
FEB 13. '20

## ברכת מזל טוב

הרה"ח ר' **יואל גאלדמאן** שליט"א
מהוועד להצלת ביה"ח קורימא, וויטקא

הרה"ח ר' **שמואל בנימין אליעזר בערגער** שליט"א
ובנו הרה"ח ר' **ישראל חיים בערגער** שליט"א
מהוועד להצלת ביה"ח ראחוב, נ. טארקאני

הרה"ח ר' **מיכל קליין** שליט"א
מהוועד להצלת ביה"ח נירבאגאט

הרה"ח ר' **דוד אהרן יאקאבאוויטש** שליט"א
מהוועד להצלת ביה"ח נירבאגאט

הרה"ח ר' **אהרן הכהן הערמאן** שליט"א
מהוועד להצלת ביה"ח אפאשטאג

הרה"ח ר' **אליעזר סינאי** שליט"א **וב"ב** תחי'
העוסקים בלו"נ לטובת אבותינו

ויזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח

## קאשוי, סלאוואקיי

פראיעקט 29 חורף תש"פ

### שטארקע פארשריט אין בנין הגדר

**יסודות פאר'ן גדר ווערן יעצט פארענדיגט.**



Kosice, Slovakia
February 12, 2020

## פעטערוואשאר, אונגארן

פראיעקט 30 חורף תש"פ

### תיקון המצבות אנגעהויבן בס"ד אין ביה"ח

**ביה"ח ווערט גערייניגט אין צוגרייטונג צום פראיעקט.**

בנדבת הרבני החסיד ר' **מאיר זעליג ריספלער** שליט"א ראה"ק דקיט"ל



פאר'ן רייניגן: ביה"ח שוועה באוואקסן און פארלאזט.



Petervasari, Hungary
February 9, 2020

נאכ'ן רייניגן: הויפנס געשניטענע גראז אנגעגרייט אוועקגעפירט צו ווערן.

## בערעגסאז, אוקריינע

**יום ד' בשלח, י' לחודש שבט - שנת המאה - לרגל חידש האוהל הק'**

צום הונדערט'סטן יארצייט פונעם הייליגן זיידען הגה"ק רבי **אליעזר צוקער** זי"ע, חתן מרן בעל קול ארי זי"ע, האבן איבער 150 משפחה מיטגלידער פון די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון ביומא דהילולא. פאלגנד זענען אויסצוגן פונעם מעמד.

- דרשת התעוררות דורך דעם חשוב'ן ארגאניזירער הרבני הנכבד מו"ה **חיים הלוי העללער** שליט"א - יו"ר הנהלת קיט"ל סאטמאר - און אויסגעדריקט א פילע הכרת הטוב בשם כל בני המשפחה פאר ב"א הרבני הנכבד מוה"ר ר' **אהרן הערש בלושטיין** הי"ו פאר זיינע פילע לייסטונגען לטובת בנין האוהל הק'.
- אמירת תהלים ע"י הרב החסיד ר' **זעליג צוויבל** שליט"א.
- דרשת התעוררות נמשך געווארן ברגש גדול ע"י הרב הגאון ר' **מאיר צוויבל** שליט"א, רב דקה"ק קדושת יו"ט.
- גרויסארטיגע יארצייט סעודה די נאכט בעפאר, און דרשת התעוררות ע"י הרב הגאון ר' **הירצקא צוויבל** שליט"א רב דקהל ברך משה-וראה"כ סאטמאר.
- סיום על ששה סדרי משנה מיט א דרשה נלהבה ע"י הרבני הנכבד מו"ה **מאיר צבי הערצקא** שליט"א.



Beregszasz, Ukraine - February 5, 2020





## יארצייטן

**מדור מיוחד:**
**בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שנבנו ע"י:**

**י"ח שבט:** רבי מרדכי יהודה ב"ר יששכר לעוו זצ"ל אב"ד **איטערדאם, נאסאד** | **י"ט שבט:** רבי שמעון ב"ר יהודה גרינפעלד זצ"ל (המהרש"ג) אב"ד **סעמיהאלי** | **כ"א שבט:** רבי שרגא פייוויל גראסמאן זצ"ל דומ"ץ **פעטראוועסעלא** | **כ"ד שבט:** רבי יעקב משה ב"ר נתן אשכנזי זצ"ל אב"ד **זבארוב** (אבי החוות דעת) **כ"ה שבט:** רבי מאיר ב"ר יהודה לייב פאזנער זצ"ל **דאנציג** (הבית מאיר)